# Folkpartiet: די ליבעראַלע פּאַרטיי פֿון שוועדן

Information & Fakta

Folkpartiet איז די ליבעראַלע פּאַרטיי פֿון שוועדן. אונדזער אידעאָלאָגיע, דער ליבעראַליזם, מיינט אַז יעדער מענטש האָט אַן אומבאַרירלעכן ווערט. דער ציל פֿאַר דער פּאָליטיק פֿון Folkpartiet איז אַז יעדער אינדיוויד  זאָל האָבן פֿרייַהייט און די מעגלעכקייט צו רעאַליזירן זייַנע חלומות. מיר גלויבן אין דעם שׂכל און דעם געוויסן פֿון די מענטשן.

**אונדזער צוקונפֿט**

די וואַלן אין אָט דעם יאָר האָט צו טאָן מיט דער צוקונפֿט פֿון שוועדן. שוועדן נייטיקט זיך אין קאָנקורענץ-קראַפֿט און גלויבן אין דער צוקונפֿט. מיר באַניצן דרייַ ווערטער צו באַשרייַבן אונדזער פּאָליטיק: קענטעניש-אַרבעט-זיכערקייט. דאָס צייַגט ווי מיר ווילן אַז שוועדן זאָל ווערן אַ געווינער אין דער גלאָבאַלער קאָנקורענץ.

**קענטעניש**

מיר ווילן אַרייַנפֿירן אַ לייענען-שרייַבן-רעכענען-גאַראַנטיע שוין אין דער אָבליגאַטאָרישער שול, אינוועסטירן אין קענטעניש און פֿריערדיקע צייַגענישן. עס מוז ווערן אַ סוף מיט מאָבינג, מחלוקת און גוואַלד-מעשׂים אין דער שול. דערפֿאַר ווילן מיר געבן די לערערס גרעסערע אויטאָריטעט און אַרייַנפֿירן אָרדענונגס-אָפּשאַצונג. מיר ווינטשן בעסערע קוואַליטעט אין פֿאָרשונג און העכערע אויסבילדונג.

**אַרבעט**

דורך מער קענטעניש און דורך בעסער קענען איבערמאַכן די קענטעניש אין אידעעס פֿאַר אונטערנעמונגען וועט מער אַרבעטס-געלעגנהייטן באַשאַפֿן. מער מענטשן מוזן ווערן אינטערעסירט אָנהייבן זיך מיט געשעפֿטן. דערפֿאַר מוז ווערן לייַכטער און די שטייַערן מוזן ווערן נידעריקער. עס מוז זיך אַלע מאָל באַצאָלן צו גיין פֿון סובסידיעס צו אַרבעט, דערפֿאַר מוז מען פֿאַרקלענערן די שטייַערן מיט אַן אָפּרעכענונג פֿאַר אַרבעט, וואָס וועט זייַן ניציק פֿאַר די מענטשן מיט נידעריקע הכנסות.

**זיכערקייט**

אין פּריוואַטע אונטערנעמונגען וועלן די אַרבעטן מאַכן דעם פֿאַרזאָרג זיכערער. מער שטייַער-געלט וועט דערמעגלעכן בעסערע קראַנקן-פֿאַרזאָרג און עלטער-פֿאַרזאָרג. די רייען אין דעם פֿאַרזאָרג מוזן געקירצט ווערן און די פֿאַרזאָרג-גאַראַנטיע מוז פֿאַרבעסערט ווערן, דו מוזט אַליין קענען וויילן דאָקטוירים און קראַנקנהייַזער. אַלע עלטערע מענטשן אין אונדזער געזעלשאַפֿט מוזן ווערן אייַנגעשלאָסן אין אַ פֿאַרזאָרג-גאַראַנטיע, אַ זיכערקייט צו באַקומען די נייטיקע הילף. דער וואָס קריגט ניט קיין פּלאַץ אין אַ ווינאָרט פֿאַר עלטערע מענטשן, זאָל קריגן געלט אין דער האַנט צו קויפֿן די דינסטן וואָס ער באַדאַרף.  די זיכערקייט קעגן פֿאַרברעכנס מוז פֿאַרגרעסערט ווערן. מען מוז האָבן מער פּאָליציאַנטן און אַלע פֿאַרברעכנס מוזן אויסגעפּאָרשט ווערן. מען מוז דערמעגלעכן פֿאַר דער פּאָליציי צו באַקומען צוטריט צו עפֿעקטיווערע  מעטאָדן פֿאַר דער באַקעמפֿונג פֿון פֿאַרברעכנס.

**אינטעגראַציע**

אַ סך מענטשן אין שוועדן ווערן אויסגעשלאָסן פֿון אַרבעט, פֿון געמיינשאַפֿט און געזעלשאַפֿט ווייַל זיי האָבן אַן אַנדערן עטנישן אַראָפּגאַנג. די אָפּגעפּרעמדטקייט וואַקסט. דורך אַרבעט, גוטע שולן, רויִקע ווױן-ראַיאָנען און אַ פֿאַרביסענעם קאַמף קעגן דיסקרימינאַציע, קענען מיר בויען אַן אינטעגרירט שוועדן. מיר ליבעראַלע וועלן באַקעמפֿן די אָפּגעפּרעמדטקייט דורך אַרבעטס- און אַנטוויקלונגס-גאַראַנטיע פֿאַר די מענטשן וועלכע קענען אַרבעטן, קענטעניש-גאַראַנטיע אין דער שול, וווּ די שוועדישע שפּראַך ווערט פּריאָריטירט; דורך אַ שאַרפֿן קאַמף קעגן דיסקרימינאַציע און דרייַמאָל אַזוי פֿיל פּאָליציאַנטן אין די אָפּגעפּרעמדט-ראַיאָנען. צו ווערן אַ שוועדישער בירגער מיינען מיר אַז מען זאָל קענען אַ טייל שוועדיש.

**גלאָבאַלע סאָלידאַריטעט**

Folkpartiet איז אַן אינטערנאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי. מיר באַיאָען די גלאָבאַליזירונג. מיר ווילן האָבן אַן עפֿעקטיוון אייראָפּעיִשן פֿאַריין, וואָס לייגט דעם טראָפּ אויף פֿראַגעס וועלכע אַריבערשטייַגן די גרענעצן און מיר ווילן פֿאַרגרעסערן דעם פֿרייַהאַנדל און די מיטהילף פֿאַר אָרעמע לענדער. שלום ווערט באַשאַפֿן דורך פֿאַרגרעסערטער קאָאָפּעראַציע און בעסערע פֿאַרשטענדעניש. עס איז זייער וויכטיק אַז שוועדן האָט אַן אַקטיווע אויסערן-פּאָליטיק. אונדזער שטים זאָל ניט שווייַגן ווען אומרעכט ווערט באַגאַנגען. אונטערשטיצונג פֿאַר דעמאָקראַטיזירונג און אַרבעט פֿאַר די מענטשלעכע רעכט זאָל זייַן פּריאָריטירט אין דער אונטערשטיצונגס-פּאָליטק.

**גלייַכקייט**

די גלייַכקייט מוז פֿאַרבעסערט ווערן. מענער און פֿרויען האָבן הייַנט פֿאַרשיידענע תּנאָים, פֿאַרשיידענע מעגלעכקייטן און זיי ווערן ניט גלייַך באַהאַנדלט. אין די לעצטע צוועלף יאָרן האָט זיך דער אונטערשייד צווישן די געהאַלטן פֿון מענער און פֿרויען ניט קלענער געוואָרן. דאָס איז ניט פּאַסיק.

Folkpartiet
www.folkpartiet.se
020-53 53 53